ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# קב הישר

# בא

אידיש

**815**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשס"א לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# פרק כט-ל

## בא

### אין די פרקים ווערן ערקלערט:

ווי אַזוי בלעם איז אומגעקומען דורך צליה פון שבט דן. - דער מיאוסיער סוף פון די כישוף מאַכערס. - ווי אַזוי בלעם האָט געמאַכט זיין כישוף. - דער כוח פון די 15 "שיר המעלות" בטל צו מאַכן דעם כישוף. - דער וואָס דערווייטערט זיך פון כישוף, געפינט זיך אין עולם הבא העכער פון די מלאכים.

פיר כתות ביי צדקה-טיילן. - אַ משל מיט אַ קעניג. - די גוטע מדה פון טיילן צדקה ביים לעבן, און נישט צו וואַרטן ביז זיינע קינדער וועלן נאָך זיין טויט טיילן צדקה פון זיין פאַרמעגן.

דער "**צמח צדק**" פון ליובאוויטש, דער גאון און קדוש ר' מנחם מענדל זי"ע, אין זיין אנווייזונג וועגן יראת ה' צו זיינס א גרויסן תלמיד, דייט ער אן אויפן הייליגן "קב הישר".

# אינהאלט
## פון פרקים כט-ל

א. אין פרק כ"ט ווערט דערציילט: ווי אַזוי בלעם הרשע איז אומגעקומען דורך צליה פון שבט דן, אויף דעם באַפעל פון פנחס. - דער סוף פון אַלע כישוף-מאַכערס, אַז זיי ווערן שלענג און עקדיסן, און זייערע נשמות ווערן שדים רחמנא ליצלן. - ווי אַזוי בלעם הרשע האָט געמאַכט זיינע כישוף. - דוד המלך האָט בטל געמאַכט דעם כח פון דעם טאָפּ פון כישוף וואָס בלעם האָט גענוצט. - דער וואָס דערווייטערט זיך פון כישוף, וועט זוכה זיין צו עולם הבא............ ה

ב. וויאַזוי בלעם הרשע איז געצוואונגען געוואָרן צו קומען פאַר פנחס............ ו

ג. דער מיאוס'ער סוף פון אַלע כישוף-מאַכערס............ ז

ד. דער טאָפּ פון כישוף וואָס בלעם הרשע האָט געמאַכט און באַהאַלטן 1,500 איילן אין דער ערד, האָט דוד המלך שפּעטער געפונען און בטל געמאַכט זיין כוח............ ח

ה. מיט'ן כוח פון די 15 "שִׁיר הַמַּעֲלוֹת" איז מען מבטל דעם כוח פון כישוף............ ח

ו. אין פרק ל' ווערן דערקלערט: פיר מדות פון צדקה. - די שרעקליכע נאַטור פון די קמצנים וואָס געבן נישט קיין צדקה. - די מענטשן מיט אַ שלעכט אויג וואָס געבן אַביסל צדקה נאָר כדי זיך גרויס צו האַלטן. - דאָס חשיבות פון די מענטשן וואָס גיבן צדקה ביים לעבן און זענען עוסק אין תלמוד תורה און גמילות חסדים............ י

ז. די קמצנים זענען פון די כיתות פון די קליפות רח״ל ............ י
ח. די מעלה פון די מענטשן וואָס גיבן צדקה ביי זייער לעבן ............ יא
ט. די וואס טוהען גרינגשעצן דעם כבוד פון זייערע עלטערן נאָך זייער טויט ............ יג
י. דאָס בעסטע איז צו געבן צדקהביים לעבן ............ יג

❖ ❖ ❖

# פרק כ״ט

**אין דעם פרק ווערט דערציילט: ווי אַזוי בלעם הרשע איז אומגעקומען דורך צליה פון שבט דן, אויף דעם באַפעל פון פנחס. - דער סוף פון אַלע כישוף-מאַכערס, אַז זיי ווערן שלענג און עקדיסן, און זייערע נשמות ווערן שדים רחמנא ליצלן. - ווי אַזוי בלעם הרשע האָט געמאַכט זיינע כישוף. - דוד המלך האָט בטל געמאַכט דעם כח פון דעם טאָפּ פון כישוף וואָס בלעם האָט גענוצט. - דער וואָס דערווייטערט זיך פון כישוף, וועט זוכה זיין צו עולם הבא.**

**א. דע,** דו זאָלסט וויסן, ווען בלעם הרשע האָט געזעהן אַז ער קען נישט שלעכטס טוהן צו די אידן דורך זיין כישוף, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (במדבר כג, ח) ״מָה אֶקֹּב לֹא קַבֹּה אֵל״ וגו׳, וואָס זאָל איך שעלטן אויב דער אויבערשטער האָט אים נישט געשאָלטן, האָט בלעם געגעבן אַן עצה פאַר בלק, אַז ער זאָל שטרויכלען די אידן מיט איסורי עריות, און אַזוי ווי עס איז טאַקע געשען, אַז די אידן זענען געשטרויכלט געוואָרן און פיר און צוואָנציק טויזנט אידן זענען אומגעקומען און דערנאָך איז בלעם געגאַנגען נעמען זיין לוין פון בלק.

**ב. בא פנחס,** איז פנחס געקומען ביי דער מלחמה מיט מדין, און האָט געזעהן בלעמ׳ען פליען אין דער לופט, האָט פנחס אויפגעהויבן זיין שטימע צו זיין מיליטער (זע זוהר חלק ג׳ דף קצ״ד עמוד א׳), און ער האָט געזאָגט: איז פאַראַן עמיצער וואָס קען נאָכפליען נאָך דעם רשע? ווייל פנחס האָט געזעהן ווי בלעם פליט אַזוי ווי אַ פויגל.

**ג. ומיד נתעורר,** באַלד האָט זיך דערוועקט אַ מענטש וואָס האָט געשטאַמט פון שבט דן, מיט׳ן נאָמען צליה. ער

האָט געוואוסט ווי אַזוי צו אונטערטעניקן די כוחות פון טומאה. אָט דער דאָזיקער צליה איז נאָכגעפלויגן נאָך בלעם.

**ווען** דער רשע בלעם האָט אים דערזעהן, האָט ער זיך דערנענטערט מיט כישוף אין דער טיפעניש פון פינף שאָטנס, און איז דאָרט פאַרבאָרגן געוואָרן אַז קיינער האָט אים נישט געקענט זעהן. אין יענע צייט איז אויך צליה באַדעקט געוואָרן און איז געווען אין גרויס צער, נישט ווייסנדיק וואָס צו טוהן.

## ווי אַזוי בלעם הרשע איז געצוואונגען געוואָרן צו קומען פאַר פנחס

**ד. מיד,** תיכף האָט פנחס אָנגעשריגן דעם שאָטן וואָס בלעם איז דערין באַהאַלטן געוואָרן, און אין די פינף שאָטנס, אַז צליה מיט בלעם הרשע זאָלן נישט זיין פאַרבאָרגן אין אים. באַלד דערנאָך איז דער שאָטן אַוועקגעגאַנגען און צליה האָט זיך געשטאַרקט איבער דעם רשע בלעם, און ער האָט אים געצוואונגען צו קומען פאַר פנחס. און מיט וואָס האָט צליה געצוואונגען בלעמ׳ען צו קומען פאַר פנחס?

**ה. כי יודע,** ווייל צליה האָט געוואוסט ווי אַזוי צו צווינגען דעם זכר און די נקבה פון די הויפטן פון דער טומאה פון כישוף, וואָס יעדער איינער פון זיי איז אָנגערופן געוואָרן ״שפי״, אָבער בלעם הרשע האָט נאָר געוואוסט זיך צו שטאַרקן בלויז מיט דעם כח פון דעם זכר, און דעריבער שטייט ביי בלעם (במדבר כג, ג) ״וַיֵּלֶךְ שֶׁפִי״, מה שאין כן צליה וואָס ער איז געווען פון שבט דן, שטייט אויף אים אין פסוק (בראשית מט, יז) ״יְהִי דָן נָחָשׁ עֲלֵי דֶרֶךְ, שְׁפִיפֹן עֲלֵי אֹרַח״, דער שבט דן וועט זיין ווי אַ שלאַנג אויף דעם וועג, אַזוי ווי אַ ברענענדיקער שלאַנג אויף דעם שטעג, דאָס מיינט מען דעם וועג וואָס דער רשע בלעם איז אין אים פאַרדעקט געוואָרן.

**וכן לעתיד,** און אַזוי אויך לעתיד לבוא וועט דער אויבערשטער נעמען נקמה אין זיינע פיינט דורך שריה וואָס ער

שטאַמט פון שבט דן, און ווען דן וועט אויפשטיין, זאָלסטו דאַן האָפן אויף די אויסלייזונג פון די אידן, ווי עס שטייט אין פסוק (בראשית מט, יח) "לִישׁוּעָתְךָ קִוִּיתִי ה'".

**ו. כשבא,** ווען בלעם הרשע איז געקומען פאַר פנחס, האָט פנחס געזאָגט צו בלעם, דו רשע, וויפיל שלעכטעס האָסטו שוין געטוהן צו דעם אידישן פאָלק? דערנאָך האָט פנחס געזאָגט צו צליה, שטיי אויף און הרג'ע אים, און נישט מיט אַ הייליקן שם, נאָר מיט אַ שווערד. האָט צליה אים געטוהן פילע מיתות משונות און ער איז נישט אומגעקומען, ביז ער האָט גענומען אַ שווערד וואָס אויף איר איז געווען אויסגעקריצט אַ שלאַנג פון איין זייט און אַ שלאַנג פון דער אַנדערער זייט.

**ז. אמר ליה,** האָט פנחס געזאָגט צו בלעם, מיט דער טומאה וואָס דו ביזט דערין עוסק, וועסטו שטאַרבן. אַזוי האָט אים צליה גע'הרג'עט מיט דער שווערד, און זיינע ביינער זענען פאַרפוילט געוואָרן און פון זיין פלייש און זיין גוף זענען געוואָרן שלענג. און אפילו פון די ווערים וואָס האָבן געגעסן זיין פלייש, איז אויך געוואָרן שלענג, און אויך פון זיינע ביינער זענען געוואָרן גרויס שלענג.

## דער מיאוס'ער סוף פון אַלע כישוף-מאַכערס

**ח. וכן הוא,** און אַזוי איז אויך דער סוף און די ענדע פון אַלע קערפּערס פון די מכשפים וואָס זענען געגאַנגען נאָך כישוף, אַז עס ווערט פון זיי שלענג און עקדיסן, און זייערע נשמות ווערן שדים און לילין רחמנא ליצלן, זאָל אַוועקגעבלאָזן ווערן דער גייסט און די נשמה פון די אַלע מענטשן וואָס מאַכן כישוף.

**ט. ואותן אנשים,** און יענע מענער אָדער פרויען וואָס גייען נאָך דעם כישוף, זענען ראוי מען זאָל זיי שעלטן פאַר דעם אויבערשטן און מען זאָל אָפּשוואַכן זייער כוח מיט אַלעם וואָס נאָר מעגלעך, און אויב עס זענען דאָ אַ סאַך כישוף מאַכערינס

וואָס ווייסן ווי אַזוי צו שעדיקן די אידישע קינדער ח״ו, זענען זיי ווערט מ׳זאָל זיי דערמאנען ביי זייער נאָמען און זיי אָפּטיילן אַז זיי זאָלן נישט האָבן קיין שום באַרירונג מיט דער הייליקייט פון די אידן.

## דער טאָפּ פון כישוף וואָס בלעם הרשע האָט געמאַכט און באַהאַלטן 1,500 איילן אין דער ערד, האָט דוד המלך שפּעטער געפונען און בטל געמאַכט זיין כוח

**י. ודע,** און דו זאָלסט ווייסן, אַז בלעם הרשע האָט צונויפגעזאַמלט אַלע גראָזן וואָס זענען שייך צו דעם כישוף, און ער האָט זיי אַריינגענומען אין אַ טאָפּ, און דערנאָך געגראָבן און באַהאַלטן דעם טאָפּ אין דער טיפעניש פון דער ערד 1,500 איילן.

**יא. וכשכרה דוד,** און ווען דוד המלך עליו השלום האָט געגראָבן אין דער ערד צו מאַכן דעם יסוד פון דעם מזבח, האָט ער געגראָבן ביז דעם תהום כדי צו ברענגען וואַסער פון דעם תהום מען זאָל עס קענען גיסן אויף דעם מזבח. דוד האָט אַזוי געגראָבן 1,500 איילן ביז ער האָט געפונען דעם טאָפּ (וואָס בלעם האָט באַהאַלטן), און ער האָט אים אַריבערגעפירט אין וואַסער וואָס זענען געווען ראוי געגאָסן צו ווערן אויף דעם מזבח, און אַזוי האָט דוד אָפּגעשוואַכט דעם כוח פונעם כישוף, און אויף דעם האָט דוד המלך עליו השלום געזאָגט (תהלים קח, י) ״מוֹאָב סִיר רַחְצִי״, ווייל ער האָט אויסגעוואַשן און אַוועקגעפירט די כישוף וואָס זענען געווען אין דעם דערמאַנטן טאָפּ פון מואב.

## מיט׳ן כוח פון די 15 ״שִׁיר הַמַּעֲלוֹת״ איז מען מבטל דעם כוח פון כישוף

**יב. על כן,** דעריבער, אויב עס איז דאָ אַ חשש אַז אַ כישוף קען שעדיקן, איז גוט אַוועקצופירן דעם כישוף דורך זאָגן די 15 קאפּיטלעך פון ״שִׁיר הַמַּעֲלוֹת״ וואָס דוד האָט געזאָגט בשעת ער האָט געגראָבן די יסודות פון דעם מזבח אַרויפצוברענגען דאָס וואַסער

פון דעם תהום, און דערנאָך זאָל ער מתפלל זיין צו דעם אויבערשטן אָפּצוטוהן אַלע שאָדנס פון כישוף פון די אידן.

**יג. וזאת העצה,** און די דאָזיקע עצה איז גוט פאַר יעדן איד און פאַר יעדע אידישע טאָכטער, זיי זאָלן זיך דערווייטערן פון כישוף מיט אַלע סאָרטן דערווייטערונגען וואָס זענען נאָר פאַראַן אויף דער וועלט, נישט צו טוהן אַ זאַך דורך כישוף אָדער שפּראָך און נישט צו הערן קיין שום שפּראָך פון כישוף.

**יד. כי הקדוש ברוך הוא,** יד. כי הקדוש ברוך הוא, ווייל דער אויבערשטער ברוך הוא האָט זיך באַרימט מיט די אידן אַז זיי גייען נישט נאָך כישוף, ״כִּי לֹא נַחַשׁ בְּיַעֲקֹב וְלֹא קֶסֶם בְּיִשְׂרָאֵל״ (במדבר כג, כג), עס איז נישט פאַראַן קיין כישוף צווישן די אידן, און יעדער איינער וואָס דערווייטערט זיך פון כישוף ברענגט מען אים אַריין אין עולם הבא צו דער מחיצה וואָס אפילו די מלאכי השרת קענען דאָרט נישט שטיין.

❖ ❖ ❖

# פרק ל׳

**אין דעם פרק ווערן דערקלערט: פיר מדות פון צדקה. - די שרעקליכע נאַטור פון די קמצנים וואָס געבן נישט קיין צדקה. - די מענטשן מיט אַ שלעכט אויג וואָס געבן אַביסל צדקה נאָר כדי זיך גרויס צו האַלטן. - דאָס חשיבות פון די מענטשן וואָס גיבן צדקה ביים לעבן און זענען עוסק אין תלמוד תורה און גמילות חסדים.**

**א. כתיב,** עס שטייט אין פסוק (ישעיה נה, ח) ״וְהָלַךְ לְפָנֶיךָ צִדְקֶךָ כְּבוֹד ה׳ יַאַסְפֶךָ״, און דיין צדקות וועט גיין פאַר דיר, דער כבוד פון דעם אויבערשטן וועט דיך איינזאַמלען. די גמרא זאָגט אין מסכת ברכות (דף נ״ח עמוד א׳) אַז אַ מענטש זעט אַ סאַך אידן צוזאַמען, דאַרף ער מאַכן די ברכה ״בָּרוּךְ חֲכַם הָרָזִים״. דערמיט גיט ער אָפּ אַ שבח והודאה צו דעם אויבערשטן ברוך הוא וואָס ער האָט באַשאַפן אַ סאַך מענטשן, און די טראַכטונג פון איינעם איז נישט גלייך צו דעם אַנדערנ׳ס מחשבה. אַזוי זאָג איך אַז אין צדקה און גמילות חסד זענען אויך פאַראַן צוטיילטע דעות צווישן מענטשן, יעדער איינער האָט אַן אַנדערע טבע.

### די קמצנים זענען פון די כיתות פון די קליפות רח״ל

**ב. הכת האחת,** איין כיתה באַשטייט פון די קמצנים, קאַרגע מענטשן וואָס האָבן נישט דעם כח צו טוהן צדקה און גמילות חסד, און אַפילו פאַר זיך אַליין האָבן זיי נישט קיין רשות צו עסן און טרינקען און זיך צו קליידן. די דאָזיקע מענטשן זענען אַוודאי פון די כיתות פון די קליפות רחמנא ליצלן, אַזוי ווי מיר האָבן שוין ערקלערט אויבן אין פרק כ״ז און פרק כ״ח, און זיי האָבן נישט קיין חלק אין דער קדושה, ווייל די סטרא אחרא געוועלטיקט איבער זיי.

**ג. כת השני,** די צווייטע כיתה איז דער וואָס האָט אַ שלעכט אויג נישט צו געבן צו אַנדערע מענטשן און ער האָט נישט קיין האַרץ צו טוהן צדקה, נאָר אַביסל צוליב זיין גאוה, אָבער פאַר זיך אַליין עסט ער און טרינקט זייער גוט און איז פעט אַזוי ווי אַ געשטאָפּטע קאַלב.

**אויף** אים שרייבט דער זוהר (חלק ב׳ דף רמ״ה ע״א, ודף רנ״ח ע״ב) דאָס זענען די מענטשן אויף דער זייט פון דעם שלאַנג, דאָס מיינט מען פון דער סטרא אחרא. אַ סימן דערויף איז פון דעם פסוק (ויקרא יא, מב) ״כֹּל הוֹלֵךְ עַל גָּחוֹן״, דאָס מיינט מען דעם מענטש וואָס האָט אַ גרויסן בויך און איז פעט. זיי זענען פון דעם שלאַנג וואָס ביי אים שטייט אין פסוק (בראשית ג, יד) ״עַל גְּחֹנְךָ תֵלֵךְ״, דו זאָלסט גיין אויף דיין רוקן, נאָר פונדעסטוועגן האָבן זיי פאָרט אַ זכות, ווייל זיי טוהען דאָך אַביסל צדקה, כאָטש זיי טוען עס כדי זיך גרויס צו האַלטן דערמיט.

**ד. כת השלישי,** די דריטע כיתה באַשטייט פון רייכע מענטשן וואָס דער אויבערשטער האָט זיי געגעבן רייכטום און זיי טוהען צדקה און גמילות חסדים, אָבער נישט ווי עס דאַרף צו זיין, וויבאַלד זיי האָבן אַביסל אַ שלעכט אויג און זיי קענען נישט צווינגען זייער יצר הרע צו טוהן צדקהביים לעבן, נאָר ווען זיי זענען קראַנק ח״ו מאַכן זיי אַ צוואה צו געבן צדקה נאָך זייער טויט אויפצובויען אַ בית הכנסת אָדער אַ בית המדרש אָדער צו לערנען עטלעכע יאָר פאַר זיין נשמה, נאָך זיין טויט. דאָס איז די מאָס פון אַ בינוני. עס איז נישט גוט און אויך נישט שלעכט.

**די מעלה פון די מענטשן וואָס גיבן צדקה ביי זייער לעבן**

**ה. הכת הרביעי,** די פערטע כיתה איז פון מענטשן וואָס דער אויבערשטער האָט זיי געגעבן רייכטום, און ער טוט צדקה ביי זיין לעבן לויט זיין עשירות, ער איז עוסק אין גמילות

חסדים און לערנט און שפייזט די מענטשן וואָס זיצן און לערנען, און ער טיילט אויך געלט פאַר מלמדים צו לערנען מיט אָרעמע קינדער. אויף אים זאָגט דער אויבן דערמאנטער פסוק ״וְהָלַךְ לְפָנֶיךָ צִדְקֶךָ כְּבוֹד ה׳ יַאַסְפֶךָ״, און דיין צדקות וועט גיין פאַר דיר, דעם אויבערשטן׳ס כבוד וועט דיך איינזאַמלען.

**ו. ואמשול לך,** און איך וועל דיר צוגלייכן אַ משל דערצו. דאָס איז געגליכן צו אַ שר פון מיליטער וואָס איז געגאַנגען מיט׳ן מיליטער אין דער מלחמה, אויב דאָס מיליטער גייט פאַר דעם גענעראַל, וועט דער גענעראַל זיכער נישט קענען קומען צו אַ סכנה אַפילו אויב די שונאים ווילן אים אומברענגען, אָבער אויב דער גענעראַל גייט אַליין פאַר זיין מיליטער, איז אויב עס וועלן אים ח״ו טרעפן רייטערס פון זיינע פיינט, וועלן זיי אים אַוודאי גרייכן און אים נעמען אין געפענגעניש. אַפילו אויב ער איז אַ גרויסער גיבור און קען מלחמה האַלטן קעגן זיינע פיינט, פונדעסטוועגן ווערט זיין האַרץ אין אים דערשראָקן ווייל ער זעט אַז זיין אַרמיי איז ווייט פון אים.

**ז. כך הוא,** אַזוי איז דער נמשל. דער מענטש וואָס טוט צדקה ביי זיין לעבן, ווערט אויף אים געזאָגט דער פסוק ״דיינע צדקות וועלן גיין פאַר דיר״, דאַן וועסטו נישט מורא האָבן פאַר דיינע פיינט, דאָס זענען די קליפות, ווייל דעם אויבערשטן׳ס כבוד וועט דיך איינזאַמלען אָן קיין שום שטן און מקטרג.

**אָבער,** אויב דו טוסט צדקה נאָך דיין טויט, גייסטו דאָך פריער פאַר דער צדקה, איז ווער ווייסט אויב די צדקה וועט דיך דערגרייכן, וויבאַלד די טויטע זענען באַפרייט פון טוהן מצוות, און אויך אפשר וועלן די קינדער דיך נישט פאָלגן.

**ח. על הכת,** אויף דער ערשטער כיתה ווערט געזאָגט אין פסוק ״וְעָזְבוּ לַאֲחֵרִים חֵילָם״, און זיי וועלן איבערלאָזן זייער גוטס צו פרעמדע, און אַפילו אויב זיינע קינדער וועלן אים ירש׳ענען,

פונדעסטוועגן האָט ער נישט קיין פאַרגעניגן פון זיין עשירות אפילו נאָך זיין טויט ווען עס קומען נייע בעלי בתים דערויף.

## די וואס טוהען גרינגשעצן דעם כבוד פון זייערע עלטערן נאָך זייער טויט

**ט. וראיתי,** און איך האָב געזעהן צווישן דעם פאָלק אַסאַך מענטשן וואָס טוהען גרינגשעצן דעם כבוד פון זייער טאַטן ווען ער איז שוין געשטאָרבן, זיי מאַכן פאַר אים שוואַרצע נייע קליידער פון די בעסטע סחורה, און זענען שטענדיק פריילעך. זיי טוהען גרינגשעצן דעם כבוד פון זייער פאָטער, וואָס זיי וואָלטן געדאַרפט קלאָגן נאָך זייער פאָטער און זיין טרויעריק צוליב זיין טויט. דאָס אַלץ האָט גורם געווען דער פאָטער (וואָס ער האָט נישט געטוהן צדקה ביי זיין לעבן) איז דאָך נישט פאַראַן קיין גרעסערע נאַרישקייט פון דעם.

## דאָס בעסטע איז צו געבן צדקה ביים לעבן

**י. על כן,** דעריבער איז די בעסטע עצה פאַר דעם מענטש ער זאָל געבן צדקה ביי זיין לעבן מיט אַ גוט אויג און ער זאָל עוסק זיין אין גמילות חסדים ביי זיין לעבן, ווייל ווער ווייסט די צייטן צי זיין צוואה וועט מקויים ווערן אָדער נישט. און מיר האָבן אַ קיימא לן (פסחים דף ט׳ עמוד א׳) ״אין הספק מוציא מידי וודאי״, אַ ספק איז שוואַכער ווי דער וודאי.

**דעריבער** איז די בעסטע צדקה וואָס דער מענטש טוט ביי זיין לעבן, און ער זאָל זעהן צו געבן זיין צדקה צו ערלעכע מענטשן, אַזוי ווי עס שטייט אין שולחן ערוך הלכות צדקה (יורה דעה, סימן רנ״א), און דאַן וועט אים אייביג גוט זיין.